# וועלכע קאלאן קענסער סקרינינג איז ריכטיג פאר מיר?



**קאלאנאסקאפי און סטול-באזירטע טעסטס**
**זענען באקאנטע וועגן צו ווערן געסקרינט פאר קאלאן קענסער (אויך באקאנט אלץ קאלארעקטאל קענסער). די פאלגנדע פראגעס און ענטפערס וועלן אייך העלפן פארגלייכן ביידע אויסוואלן און אייך העלפן אויסוועלן די בעסטע פאר אייך. פרעגט אייער העלט קעיר פראוויידער אויב איר האט נאך פראגעס.**

| | קאלאנאסקאפי | סטול-באזירטע טעסטס |
|---|---|---|
| ווער פירט דורך די סקרינינג? | א העלט קעיר פראפעסיאנאל. | איר. |
| וואו טוט מען די סקרינינג? | ביי א דאקטער'ס אפיס אדער העלט קעיר פאסיליטעט. | אינדערהיים. |
| דארף איך זיך צוגרייטן מיט עפעס פאר די סקרינינג? | יא. איר וועט דארפן אויספאלגן א דיעטע פון בלויז געטראנקען און נעמען מעדיצין אויסצוריינייגן אייער קאלאן א טאג פאר די קאלאנאסקאפי. איר וועט אויך דארפן מאכן זיכער אז איינער קען אייך אהיימנעמען נאכדעם. | עס איז געווענליך נישט דא קיין ספעציעלע צוגרייטונג. |
| דארף איך עפעס טון דורכאויס די סקרינינג? | ניין. מען וועט אייך געבן מעדיצין אייך צו מאכן שלאפן (איינשלעפונג) בשעת מען טוט די קאלאנאסקאפי. | יא. איר וועט דארפן נעמען א ביישפיל פון אייער אייגענע סטול (פיסיס). |
| דארף איך עפעס טון נאך די סקרינינג? | יא. איינער וועט אייך דארפן אהיימברענגען נאכדעם. איר וועט נישט ווערן ערלויבט ארויסצוגיין אליין. | יא. איר וועט דארפן אדער צוריקשיקן די טעסט אין די פאסט אדער עס אפטראגן צו אייער פראווייד‏ער'ס אפיס אדער א לעב. |
| ווי אפט דארף איך ווערן געסקרינט? | אויב אייער רעזולטאט איז נארמאל, און איר האט נישט א העכערע ריזיקע פאר קאלאן קענסער, זאלט איר באקומען אייער קומענדיגע קאלאנאסקאפי אין 10 יאר. | א סטול-באזירטע טעסט דארף געטון ווערן יעדע איין ביז דריי יאר, געוואנדן אויף די סארט טעסט וואס איר טוט. |

| | קאָלאָנאָסקאָפּי | סטול-באַזירטע טעסט |
|---|---|---|
| וואָס קוקט די סקרינינג פאַר? | א קאָלאָנאָסקאָפּי קוקט דירעקט אריין אין אייער קאָלאָן. א פּראַוויידער נוצט א ספּעציעלע געצייג צו אויפכאַפּן און אַרויסנעמען פּאָליפּס. א קאָלאָנאָסקאָפּי קען אויך אויפכאַפּן קענסער איידער עס פאַנגט אָן צו פאַראורזאַכן סימפּטאָמען. | א סטול-באַזירטע טעסט קוקט פאַר בלוט אין אייער סטול. געוויסע קוקן אויך פאַר ספּעציפישע צייכנס פון קענסער. |
| ווי גוט אַרבעטן די סקרינינגס? | קאָלאָנאָסקאָפּיס זענען גוט צו טרעפן קאָלאָן קענסער און העלפן פאַרמיידן קאָלאָן קענסער דורך אַרויסנעמען פּאָליפּס. | סטול-באַזירטע טעסטס זענען גוט אין טרעפן קאָלאָן קענסער אָבער נישט אַזוי גוט אין טרעפן פּאָליפּס. |
| ווי לאַנג נעמט ביז איך באַקום מיינע רעזולטאַטן? | איר באַקומט געוויינלעך ערשטע רעזולטאַטן גלייך נאָך די קאָלאָנאָסקאָפּי. אויב איר האָט פּאָליפּס, וועט עס נעמען עטליכע טעג צו באַקומען די ענדגילטיגע באַריכט. | איר באַקומט געוויינלעך אייערע רעזולטאַטן אין א פּאָר טעג. |
| איז דא אַן ערהוילונגס צייט נאָך די סקרינינג? | יאָ. איר וועט מעגליך שפּירן אַביסל מיד און זיך וועלן אָפּרוען פאַר אַפּאָר שעה נאָכדעם. | ניין. |
| דאַרף איך באַשטימען א פּאָלאָ-אַפּ? | געוויינלעך נישט ביז איר דאַרפט נעמען אייער נעקסטע קאָלאָנאָסקאָפּי. אויב מען האָט געטראָפן סיי וועלכע פּראָבלעמען, וועט אייער פּראַוויידער דורכשמועסן פּאָלאָ-אַפּ מיט אייך. | אויב די סטול-באַזירטע טעסט איז נישט נאָרמאַל, וועט איר דאַרפן א קאָלאָנאָסקאָפּי. אַז נישט, וועט איר בלויז דאַרפן האַלטן חשבון ווען אייער קומענדיגע סקרינינג דאַרף פאַרקומען. |

א **פּאָליפּ** איז א קליינע באַמפּ אָדער געוואוקס אין אייער קאָלאָן. רוב פּאָליפּס זענען נישט קענסערדיג, אָבער טייל קענען פאַרוואַנדלט ווערן אין קענסער.

**אויב איר זענט אינטערעסירט צו לערנען וועגן אַנדערע קאָלאָן קענסער סקרינינג אויסוואַלן, פרעגט אייער פּראַוויידער איבער די פאָלגנדע:**

- בלוט אונטערזוכונג
- CT קאָלאָנאָגראַפּי
- בויגזאַמע סיגמאָדאָסקאָפּי

## געדענקט, די בעסטע סקרינינג איז די וועלכע איר וועט פּאַקטיש טון.

פאַר מער אינפאָרמאַציע, באַזוכט **nyc.gov/health/coloncancer**.